Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

27

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 27

אין דער הייך, אין דער טיף, איבער גליטשן,
אין דער ווײַט — בארג־אראָפּ, בארג-ארופּ, —
אָט אזוי ז׳מען געגאנ נאָכ איליטשן,
אָט אזוי ז׳מען געגאנ אפּ זײַנ רופּ!

אומעטום האָט געשוועבט זײַנ געשטאלט דאָרט,
ער צוערשט איז געגאנ — אומעטום;
האָט די הייכ אונ די טיפּ זיכ געשפּאלטנ
אונ געלייגט זיכ צו פיס האָט דער שטורעמ.

מ׳האָט פארגעסנ, ווענ ס׳ענדיקט א וואכטע,
מע געדענקט ניט די צײַט אקוראט,
אז מע דארפ א דעפּעשע קיינ כארקאָוו,
אז א וועק טאָנ מע דארפ לענינגראד.

ניט פון טאָג, ניט פון זון קומט איצט ליכט אָן,
און די פינצטערניש קומט ניט פון נאכט;
פאר די אויגן — א ווייַס א קאָלירטע
און אן אָפּגרונט זיך הייבט אפּ דער וואכ...

ביז קאיאָר מ'האָט די טיפן געמאָסטן,
און אין דר'הייך איז געגאנגען א ראט;
איז אוועק א דעפּעשע קיין מאָסקווע,
און א בליץ האָט געוועקט לענינגראד.

אונטער אָפּגרונט די וואסערן מורמלען,
ס'איז דער אָפּגרונט פארוויגט און פארווייט;
איז א דריטע געגאנגען קיין מורמאנסק,
קיין ארכאנגעלסק געגאן זייַנען צוויי.

וויפל עקן אפּ ווייַס דער פארבאנד האָט
אין אומענדלעכער לענג און אין ברייט,
פון שווארציאמיקן ברעג ביז אטלאנטיק
האָבן פונקען אין דר'הייך זיך געדרייט,

זיך געהאלדזט מיט אנטקעגנדע שטורעמס
און געשליַידערט זיגזאגן דער הויך;
צו דעם נאָך ניט באטראָטענעם טורעמ,
צו דער נאָך ניט באטראָטענער בלוי,

ווי א שטערנשאפט — שנייִיק און שוימיק
ווי א שטערנשאפט — שטורעמ־שאָליִעך,

און געשלונגען די שטרעקעס און רוימען,
און געשניטן מיט שארפ פון ליכט.

דורכ־אפ־דורכ — איבער כמארעס און נעפלען,
און מיט גלי — אפ דער ווײַט, אין דער נאָנט:
ס'האָט פארטראָגן א טייל פון דער הרעבליע,
ס'איז אראָפּ א טייל צו דעם דנאָ.

זיבן קרוינשטעט דערוועקט האָבן בליצן,
זיבן אײַזנבערעכערס — ריזיק ווי שטעט,
און אן אומרו א העלער צעבליט זיך,
נ'ערגעץ אומרו מיט אומרו רעדט.

בלאָנדזשען פונקען ארום פון דעפעשן
איבער שטעט, איבער האפנס פון לאנד;
אז ס'איז שניט! אז מע שנײַדט און מע דרעשט דאָ,
ס'זײַנען שטעט אין די ווײַטן געשפאנט!

ווו איז כארקאָוו — פארגאנגענע יאָרן?
ווו איז כארקאָוו — פארשניטענער הילך?
מע דערקאָנט אים שוין ניט אין קאיאָרן,
לויט די גלעקער — ווי קאנען פון מילך.

פון דער טיף פון יאָרהונדערטן טונקעלע,
פון געדעקטע מיט שוועבל און שטרוי —
איז ארויסגאן די שטאָט זיך באטרונקען
מיט געשטאלטיקטן שטאָלענעם טרוים...

פאנאנדערשײַנט װעגן אױף צאָפּן
און צעעפֿנט דאָס האַרץ פֿאַר אַ גאַסט, —
האָט זי מאָסקװע געשטעלט זיך צוקאָפּנס
און געלײגט זיך צופֿוס דעם דאָנבאַס.

און אַרױס צו דער הײך אױף אַנטקעגן —
ניט מיט גאָלד פֿון קלױסטערשע קעפּ,
נאָר מיט צײַט, מיט רױם און באַװעגונג
נ׳מיט געשרײ פֿון געקאָװעטן סטעפּ.

זיך באַטרונקען מיט בלױע עטאַזשן,
זיך באַלאָדן מיט שטאָלענער בלױ, —
ערגעץ מעסט זי שױן אָן אױף זיך ראַשיק
איר באַנײַטע בעטאָנענע הױט.

און דעפּעשן אױף מאָסקװע — װײַטער,
און דעפּעשן — אױף מאָסקװע דער שטאָט;
פֿליִען פֿונקען — לופּטיקע רײַטער,
ס׳איז קײן פֿלעצער פֿאַר אָפּשטעל נישטאָ.

איבער רױמען — פֿאַרװאָרפֿענע װעגן
איבער רױמען — בליציקן ברױז, —
איז די הױפּטשטאָט געלאָזט אין באַװעגונג
אױף יאָרהונדערטן גאַנצע פֿאָרױס!

רײַסן װערטער דעם רױם אױף שטיקער,
טראָגן אױף זיך און קומען צוריק,

ס'איז אינ דר'הייכ ערגעצ מאָסקווע אפ בריקנ,
ווי א דענקמאָל פונ אופשטאנד אונ זיג!

אָט איז מאָסקווע — אינ זוניקע רויכנ, —
אָט איז מאָסקווע — שטראליק צעשטעלט;
ווי א פאָנ אפ א בארג אפ א הויכנ,
אז געזענ זי זאָל זײַנ פונ דער וועלט.

אונ עס פליִענ די פונקענ צו האפנס,
צו די שווימענדע שטאָלענע שטעט,
ס'רעדט דאָס גאנצענע לאנד טעלעגראפיש,
אונ עס הערט זי די גאנצענע וועלט.

---

צו דעמ דניעפּער געקומענ מ'איז ערשט,
ווענ עס האָט זיכ געשטילט דאָס וואסער!
געזידלט האָט זיכ אווראָמ־הערש,
אונ געווערטלט שטיל האָט לוקא זיכ.

נאָר ס'זײַנענ געגאנגענ אווראלנ
אפ אדורכ אונ אריבער דער צײַט,
פונ אלט אונ יונג אונ פונ אלע,
מיט די הענט, מיטנ הארצ נ'מיט געצײַנ.

איבער יעטווידער טייל — א געכאפ איז,
אונ קיינ איינציקע רעגע אפ רו;
ווער סע יאָגט זיכ מיט אײַזערנע שטאבעס,
ווער מיט קלעצער אפ אקסל פארוקט.

נ'באם באליכטענעם ברעג פונעם דניעפער,
דעם פארפלייצטנ מיט ליכט און מיט נאכט,
האָבנ לאָצמאנס אלטע געגעפלט,
האָבנ לאָצמאנס אלטע געוואכט;

און געווארט אפ יעדיִעס פונ טיפנ,
און געווארט אפ יעדיִעס פונ דנאָ,
מ'האָט געקוקט אפ די וויַזערלעך: — וויפל?..
אונטער וואסער זיַנ קאָנ מענ נאָך? —

ס'אזוי דורכזיכטיק-שטיל אפנ פראָפיל,
ס'האלדזנ בלינד זיך א קוואל מיט א קוואל;
צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפנ?
צי א שטערנ געטאָנ האָט א פאל?

זיך פארזויגנ מיט גאָלד פונ די זאמדנ,
זיך באטרונקענ מיט גאָלדענער שיַנ, —
און אינ דר'הייך מיט די הייבערס זאמט מענ,
באדארפט דאָ זיי האָבנ שוינ זיַנ!

און מע ווארט פונ דער הייך אפ די הייבערס,
אלעמאָל גיט א כוואליע א שט:רך —
ערגעצ הויך איז דאָס וואסער שויביק,
נאָר מע זעט דורך דעם גאָרנישט ניט דורך..

— האָ-האָ! — טוט דער ווינט זיי א בראָך דאָ־ט,
— האָ-האָ! — קוקנ אויגנ זיך אום;

פארייכערט דאָרט איינער מאכאָרקע,
אנ אויגנבליק — שטיל אונ שטומ...

ס'ווערנ אויגנ בא אלעמענ גרעסער,
אונ ס'הייבנ אונ ס'בייגנ זיכ קעפ;
אנ אויגנבליק האָט מענ פארגעסנ
אָנ דער טיפ, אָנ דעמ דנאָ פונעמ דניעפ...

ס'אזוי דורכזיכטיק-שטיל אפנ פראָפיל,
ס'האלדזנ בלינד זיכ א קוואל מיט א קוואל;
צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפנ,
צי א שטערנ געטאָנ האָט א פאל?..

אז עס איז נאָכ אינגאנצנ געבליבנ
צו דערגראָבנ דאָרט עטלעכע גראָב;
אונ עס טוט זיכ א רודער א הליבע
אונ דערלאנגט דאָרטנ איינעמ אינ קאָפ.

דער סקאפאנדער זיכ גיסט דאָרט מיט בלוט אָנ,
אונ מיט פינצטערניש גיסט ער זיכ אָנ;
אונ אפ פאנצער צעלייטנ זיכ נאָטנ,
נ'עפּעס אלצ ז'אזוי ווײַט נ'אזוי נאָענט...

נאָר ער רוקט נאָכ ארײַנ אינ די קלעמער
שוינ דעמ לעצטנ שטאנג מיט וויי...
נ'עפּעס גיבנ די טיפנ א נעמ אימ
אונ א וויג, אונ א טראָג, אונ א דריי...